# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### פארוואס ווערט שבת אנגערופן 'חמדת ימים'?

**"וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה"** (ב ב)

**רבי שמחה מויטרי** דער תלמיד פון רש"י ברענגט אז אין תרגום ירושלמי ווערט די ווארט 'ויכל' פארטייטשט 'גלוסטן', ד.מ.: ה' האט געגלוסט דעם זיבעטן טאג מער פון אלע טעג. אין מיט די באדייט האט רש"י אויך אזוי געטייטש די פאלגנדע פסוקים: "נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי" (תהילים פד ג); "כָּלְתָה לִתְשׁוּעָתְךָ נַפְשִׁי" (שם קיט פא).

מיט דעם ערקלערט רבי שמחה מויטרי וואס מיר זאגן שבת קודש: "חמדת ימים אותו קראת"; ווי טרעפן מיר אז ה' האט געגלוסט דעם שבת? אין אונזער פסוק.

אויף נאך א וועג האט **רבי בנימין הכהן ויטאלי** פון די חכמי איטעליע עס ערקלערט, געבויעט אויף א חידוש וואס ער האט געהערט אין נאמען פון **רמ"ק**, בשעת די בריאה האט דער באשעפער געוואלט אז יעדע וואך זאל זיין זעקס טעג וואס יעדע טאג זאל זיין אכט און צוואנציג שעות. ווען די זעקס טעג האבן געבעטן פון הקב"ה אז איינער פון זיי זאל ער שטעלן פאר א קעניג אויף זיי. האט ער זיי געזאגט: יעדער פון ענק זאל אוועק געבן פיר שעה'ן פון זיך, און פון די פיר און צוואנציג שעה'ן וואס וועלן זיך צוזאמנעמען, וועל איך ענק צולייגן נאך א טאג - דעם שבת, און ער וועט אויף ענק קעניגן.

לויט דעם זאגט רבי בנימין, "חמדת ימים" - איז טייטש אז די 'ימים' האבן געגלוסט אז דער שבת זאל אויף זיי קעניגן.

'מחזור ויטרי' שבת ב; 'גבול בנימין' [אמשטערדאם תפ"ז] ח"ב דרוש ה

### דורך שבת עקזיסטירט דער וועלט

**וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת** (ב ג)

טייטש דער **'אור החיים'**: בשעת'ן באשאפן דער וועלט האט הקב"ה אריינגעגעבן אין איר א כח עס זאל קענען עקזיסטירן נאר זעקס טעג. און האט באשאפן נאך א טאג - דעם שבת, וואס אין זכות פון היטן דעם טאג ווערט צוריק באנייט דער כח פון די עקזיסטענץ פון דער וועלט אויף די קומענדיגע זעקס טעג. קומט אויס אז אפהיטן שבת איז קריטיש וויכטיג אויף די עקזיסטענץ פון דער וועלט, ווייל אן דעם קען די וועלט נישט עקזיסטירן.

לויט דעם וועט מען פארשטיין וואס די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכולו - מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית". כאטש די מעשה בראשית איז שוין פארענדיגט געווארן פאר טויזנטער יארן, אבער ווייל שמירת שבת געבט כח פאר די 'מעשה בראשית' עס זאל קענען עקזיסטירן נאך זעקס טעג, קומט אויס אז דער וואס זאגט די פרשה פון 'ויכולו' וואס סימבאלעזירט דאס אפהיטן שבת ווי עס דארף צו זיין, ווערט ער טאקע ווי א שותף אין די מעשה בראשית, ווייל ווען מ'האלט נישט שבת, וואלט דער וועלט נישט געקענט עקזיסטירן.

מיט דעם טייטש דער **'ישמח משה'** וואס מיר זאגן ביים פיוט 'מנוחה ושמחה' שבת ביינאכט: "שומריו וזוכריו המה מעידים כי **לששה** כל ברואים ועומדים"; דער פייטן איז מדייק און זאגט: "לששה" און נישט "בששה" - מרמז זיין אז שמירת שבת איז א עדות אז דער וועלט איז באשאפן געווארן נאר אויף זעקס טעג, און דורך האלטן שבת יעדע וואך באקומט עס כח אויף נאך זעקס טעג.

'אור החיים'; 'ישמח משה' יתרו

### 'המוציא לחם' און נישט 'המוציא דגן'

**"אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ...; בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם"** (ג יז; יט)

מ'דארף פארשטיין דער נוסח פון די ברכה 'המוציא לחם מן הארץ'; די קערנדליך פון די 'ווייץ' וואקסן אין דער ערד, און נאר דורך פלאג און מיה קען דער מענטש טון פון דעם ברויט?

ערקלערט דער **מהר"ל מפראג** אזוי: די חכמים כאפן אן דעם לשון, ווייל אין אנהויב די בריאה, ביז ווען אדם האט געזינדיגט מיטן עץ הדעת און איז געשאלטן געווארן מיט די קללה פון: "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם", האט די ערד ארויסגעגעבן אירע פרוכט ווי עס דארף צו זיין גרייט צום עסן, און אויך דער ברויט וואס איז דער הויפט שפייז פון דער מענטש וואלט ארויסגעקומען פון דער ערד גרייט צום עסן.

אויך לעתיד לבוא, ווען עס וועט מתוקן ווערן דער חטא פון עץ הדעת, וועט ווייטער ארויסקומען די ברויט פון דער ערד אזוי ווי אנהייב די בריאה, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת ל ב) אויף ימות המשיח: "עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות [ד.מ. געבעקסן גרייט צום עסן]".

'אבודרהם' דיני ברכת הלחם וזימון; 'נתיבות עולם' נתיב העבודה יז

### דער אונטערשייד צווישן 'אמן' און אנדערע מצוות

**"וַיִּקַּח ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן עֵדֶן לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ"** (ב טו)

אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "אמר ריש לקיש: כל העונה אמן בכל כוחו [לויט רש"י: 'בכל כוונתו', און לויט תוס': 'בקול רם'] פותחין לו שערי גן עדן, שנאמר (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים" אל תקרי 'שומר אמונים' אלא 'שאומרים אמן'".

דארף מען פארשטיין, יעדער מענטש איז דאך זוכה צו באקומען א טייל אין גן עדן לויט זיינע מעשים, און עס איז נישט קיין ספק אז אויך אויף ענטפערן אמן באקומט מען גן עדן, איז וואס באדייט די ספעציעלע הבטחה פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן?

דער **מהרש"א** ערקלערט: טאקע אויף אלע מצוות באקומט דער מענטש א וואוינונג אין גן עדן לויט זיינע מעשים, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קנב א): "כל צדיק וצדיק נותנים לו מדור לפי כבודו". דאקעגן דער וואס מקיים די מצוה פון ענטפערן אמן בכל כוחו, איז ער א יוצא מן הכלל. פאר אים ווערן געעפענט די טויערן פון אלע וואוינונגען אין גן עדן, אויך די וואס לויט זיין דרגה וואלט ער דארט נישט געדארפט זיין. דער יסוד איז אויך מדויק אין דעם וואס אין פסוק שטייט: "פתחו שערים" בלשון רבים, און אויך די גמרא כאפט אן א לשון רבים - פותחין לו **שערי** גן עדן. ווייל דער וואס ענטפערט אמן עפענען זיך פאר אים די טויערן פון אלע וואוינונגען אין גן עדן, און נישט נאר דער טויער פון דער וואוינונג וואס קומט אים.

אויף נאך א אופן האט ערקלערט דער **'בן איש חי'**: דער וואס איז מקיים די מצוות פון די תורה, דארף ער אנקומען ביז צו די טויערן פון גן עדן און דארט עפנט זיך דער טויער פאר אים. דאקעגן דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו, איז זוכה אז באלד ווען זיין נשמה פליט ארויס פון זיין קערפער, זעט זי די טויערן פון גן עדן אפן פאר איר, און דורך דעם שפארט זי איין דאס אריבערגיין ביי די "להט החרב המתהפכת" וואס געפונט זיך אינדרויסן פון די טויערן פון גן עדן, אזוי ווי עס שטייט אין אונזער פרשה (ג כד): "וַיְשַׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרֻבִים וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת לִשְׁמֹר אֶת דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים".

**ראב"ד בלאך** בעל 'ציצית הכנף' האט ערקלערט: דער וואס איז מקפיד אויף די מצוה פון ענטפערן אמן, איז זוכה אז לכבודו עפענען זיך די טויערן פון גן עדן, און מיט גרויס כבוד קומט ער אן אויף זיין פלאץ. אבער דער וואס האט נישט מקפיד געווען אויף די מצוה פון ענטפערן אמן, אפילו אויב ער האט געטון מצוות און מעשים טובים און זיין פלאץ איז אין גן עדן, וועט מען פאר אים נישט עקסטער עפענען די טויערן, נאר ער וועט דארפןווארטן אויף א עת רצון צו קענען אריינגיין צו זיין פלאץ אין גן עדן.

מהרש"א ח"א שבת קיט ב; 'בו יהוידע' שבת שם; 'ציצית הכנף' [ווילנא תרס"ט] דף כ

גן עדן אין עולם הזה

## "וַיִּקַּח ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְּגַן עֵדֶן" (ב טו)

"ווען די חכמים האבן געזאגט (שבת קיט ב): 'כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן', האבן זיי אונז פשוט געגעבן גאר א וואונדערליכער זאך, אויב דער מענטש געבט זיך אוועק מיט זיין גאנצע כח אויף אזא טייערע זאך ווי ענטפערן אמן, וואס איז זייער גרינג צו מקיים זיין, איז ער זוכה עס זאל זיך פאר אים שוין עפענען די טויערן פון גן עדן.

**און אפשר קען מען זאגן אז עס וועט זיך עפענען פאר אים די טויערן פון גן עדן אויך אין עולם הזה, וואס דאס מיינט די גוט'ס וואס איז באהאלטן אין יעדן טאג, און אין דעם זכות וועט ער אנהויבן פילן א טעם אין עבודת ה', און דורך דעם זוכה זיין אריינגיין אין אסאך שערים, שערי ציון המצוינים בהלכה, וואס דאס זענען די טויערן פון גן עדן, און וועט זוכה זיין צו אסאך גוט'ס און צו אריכות ימים".**

'ונכתב בספר' [משיעורי הגרי"מ שעכטער] ח"ב עמ' ערה



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## אדון עולם (א)

דער טייטש - דיינו!" (שו"ת 'כנפי יונה' [ווילנא תרל"ו] הקדמה).

### א רמז אויף די כוונה פון די שמות

דער 'אוהב ישראל' פון אפטא אנטפלעקט נאך א סיבה אויף דעם וואס מיר זאגן 'אדון עולם' פארן דאווענען: אין שולחן ערוך (או"ח ה א) איז גע'פסק'נט: "כשיזכיר השם, יכוין פירוש קריאתו באדנות שהוא אדון הכל, ויכוין בכתיבתו ביו"ד ה"א שהיה והוה ויהיה, ובהזכירו אלקים, יכוין: שהוא תקיף בעל היכולת ובעל הכוחות כולם".

אין פיוט 'אדון עולם' זענען מרומז אלע כוונות וואס מ'דארף אינזין האבן בשעת'ן זאגן די הייליגע שמות ביים דאווענען; די כוונה פון שם אדנ"י: 'אדון עולם אשר מלך...". די כוונה פון שם הוי"ה: "והוא היה והוא הוה והוא יהיה בתפארה". די כוונה פון שם "אלקים": "בלי ראשית בלי תכלית **ולו העוז והמשרה**". דעריבער, זאגן מיר 'אדון עולם' פארן דאווענען, און מיט דעם רופן מיר אויס און מיר זענען מגלה דעת, וויבאלד עס איז אונז שווער אינזין האבן ביי יעדע שם די פאסיגע כוונה, און עס קען זייער זיין אז מיר וועלן פארגעסן אינזין האבן בשעת'ן זאגן, וועגן דעם שוין יעצט רופן מיר אויס אז מיר דערמאנען די אלע הייליגע שמות על דעת די כוונות וואס זענען מרומז אין פיוט. דעריבער דארפן מיר צום ווייניגסטנ'ס געדענקען צו זאגן דעם הייליגן פיוט מיט די ריכטיגע כוונה ('טעמי המנהגים' אות כט).

### אדון עולם אשר מלך

דער פיוט ברענגט ארויס פון איין זייט דעם אייבערשטנ'ס גרויסקייט, און פון דער צווייטער זייט זיין גרויסע נאנטשאפט וואס ער האט צו אונז און ער טוט אונז העלפן ווען מיר געפינען זיך אין א צרה. דאס ווערט אויך ארויסגעברענגט אין די צוויי טיטלעך וואס מיר רופן אן דעם אייבערשטן אין אנהייב דער פיוט - "**אדון עולם אשר מלך**". פון איין זייט איז ער א 'מלך' רם ונישא, און פון דער צווייטער זייט איז ער א 'אדון' וואס האלט אן א פערזענליכן פארבינדונג מיט יעדן וואס איז אונטער אים ('יהל ישראל' עמ' סד-סה).

א מלך בשר ודם ווערט אנגערופן 'מלך', נאר אויב די איינוואוינער ווילן זיך אונטערטעניגן אונטער אים און אים קרוינען מיטן קעניגליכן קרוין, און אויב עס איז נישטא ווער עס טעניגט זיך אונטער אים, ווערט ער נישט אנגערופן א קעניג, ווייל 'אין מלך בלא עם' ('רבינו בחיי' בראשית לח א). אנדערשט איז הקדוש ברוך הוא; ער ווערט אנגערופן 'מלך' אלץ אים אליין, ווייל ער האט דאך געקעניגט אויך "בטרם כל יציר נברא". נאר, בעפאר די בריאה זענען נישט געווען קיין באשעפענישן וואס האבן איינערקענט אין זיין קעניגרייך, "לעת נעשה בחפצו כל **אזי מלך שמו נקרא**". קומט אויס אז דאס באשאפן דער וועלט האט גארנישט געטוישט מיט די עצם טיטול 'מלך', נאר עס האט צוגעברענגט אז זיינע באשעפענישן זאלן אים רופן 'מלך', און וועגן דעם זאגן מיר ווייטער, אז אויך "אחרי ככלות הכל, לבדו ימלוך נורא" ('ערבי נחל' בלק דרוש ג).

אין ספר 'הארת התפלה' (עמ' ד) שטייט אז אין די ווערטער "לעת נעשה בחפצו כל אזי מלך שמו נקרא", ליגט באהאלטן א טיפע מוסר געדאנק: כדי צו קעניגן דעם באשעפער איז נישט גענוג אויסרופן הונדערט מאל אין טאג "מלך העולם", נאר צו דעם פעלט אויס מיר זאלן פאלגן אלע מצוות פון די תורה הקדושה. און דאס זאגן מיר: "לעת נעשה בחפצו כל", ווען מיר וועלן שטענדיג טון זיין ווילן - "אזי מלך שמו נקרא", דעמאלטס ווערט ער אנגערופן 'מלך'.

### דער מקור און מעלה פון דער פיוט 'אדון עולם'

א ספעציעלע און טייערע פערל ליגט באהאלטן אין סידור, דאס איז דאך דער וואונדערליכער פיוט 'אדון עולם', וואס דורי דורות האבן עס שוין געזאזט, יעדן טאג, סיי אנהייב טאג פארן דאווענען שחרית, און סיי ביים ענדע פון 'קריאת שמע שעל המיטה', פארן צוריק געבן די נשמה צום באשעפער. און אינטערעסאנט איז, אז אויך דאס אויפשטיין און אויך די צייט פון זיך לייגן ווערן דערמאנט אין דעם פיוט: "בידו אפקיד רוחי בעת **אישן ואעירה**" ('מטה משה' ח"א סי' לא וח"ד סי' שב).

גאר וואונדערליכע ווערטער וואס קען געבן די ריכטיגע בילד אויף די טייערקייט פון די תפילה, שרייבט דער באקאנטער תלמיד פון מהרש"ל, דער 'מטה משה' (ח"א סימן לא): "און איך האב געטראפן געשריבן: יעדער וואס האט אינזין ביים אנהייב דאווענען 'אדון עולם', שרייבט רבי יהודה החסיד און רב האי גאון און רב שרירא גאון - בין איך פארזיכערט אז זיין תפילה ווערט אנגענומען, און דער שטן קען נישט מקטרג זיין אויף זיין תפילה, און האט נישט קיין שטערונגען אין ראש השנה און אין יום כיפור ווען ער דאוונט, און ער שטארקט זיך אויף זיינע פיינט, און עס איז דא וואס זאגן אז אויך דער יצר הרע שטעלט זיך צו צו אים, און אויף אים זאגט שלמה המלך ע"ה (משלי טז ז): 'ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו'".

די אידענטיטעט פון דעם מחבר פון פיוט 'אדון עולם' איז אומקלאר. עס זענען דא וואס זאגן אז דער הייליגער תנא רבי יוחנן בן זכאי האט עס פארפאסט (אין 'ליקוטי מהרי"ח' סדר הנהגת התפילה שטייט אז אזוי האט ער געזען אין די אלטע אשכנז'ישע סידורים אין נאמען פון 'ספר התחיה'), דאקעגן זענען דא וואס זאגן אז רב האי גאון האט עס פארפאסט ('אמרי פנחס' שער התפילה אות נז) און עס איז דא וואס זאגן אז דער באקאנטער פייטן רבי שלמה אבן גבירול האט מחבר געווען דער פיוט (סידור 'אוצר התפילות', תיקון תפלה, דף נ).

### צו דערמאנען דער זכות פון אברהם

אין גמרא (ברכות ז ב) שטייט: "רבי יוחנן זאגט נאך אין נאמען פון רשב"י: 'פון דער טאג וואס הקב"ה האט באשאפן דער וועלט איז נישט געווען ווער עס זאל רופן דעם אייבערשטן מיטן טיטול 'אדון' ביז אברהם אבינו האט אים גערופן 'אדון'", אזוי ווי עס שטייט (בראשית טו ח): "וַיֹּאמַר אֲ-דֹנָי אֱלֹקִים בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה".

לויט די גמרא האט ערקלערט **רבי פנחס דער מגיד פון פאלאצק** אין זיין סידור - סידור 'שער הרחמים' (בפירוש 'מגיד צדק') דעם טעם פארוואס פאר מיר דאווענען שחרית זאגן מיר דעם פיוט 'אדון עולם'; אזוי ווי מיר טרעפן אז אין יום כיפור בעפאר מ'האט אנגעהויבן די עבודה פון די קרבן התמיד אין בית המקדש האט דער ממונה געפרעגט: "האיר פני כל המזרח עד שבחברון" כדי צו דערמאנען די זכות אבות וואס זענען באערדיגט אין חברון (יומא פ"ג מ"ג; ירושלמי שם). דאס זעלבע זאך, האט מען מתקן געווען אנהויבן די סדר פון די תפילות וואס זענען אנשטאט דעם קרבן תמיד, מיטן דערמאנען דער זכות פון אברהם אבינו וואס איז געווען דער ערשטער וואס האט גערופן דעם אייבערשטן 'אדון עולם'.

ווען דער נייער סידור איז געברענגט געווארן פאר זיין רבי דער **ווילנער גאון**, האט דער גאון אין דעם אריינגעקוקט, און ווען ער האט באמערקט דעם אויבנדערמאנטן פירוש, האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט איבערראשונג: "אויב וואלט די סידור געדרוקט געווארן נאר צוליב

**אדון עולם אֲשֶׁר מָלַךְ** נאך **בְּטֶרֶם כָּל יְצִיר נִבְרָא** ווייל זיין קעניגרייך איז נישט אנגעהאנגען אין די באשעפענישן. **לְעֵת נַעֲשָׂה בְחֶפְצוֹ כֹּל, אֲזַי מֶלֶךְ שְׁמוֹ נִקְרָא** דורך די באשעפענישן אויף דער וועלט. אבער אויך **וְאַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל - לְבַדּוֹ יִמְלוֹךְ נוֹרָא** ווייל ווי געזאגט זיין עצם קעניגרייך איז נישט אנגעהאנגען אין די באשעפענישן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די אלארעם פון 'אמן' וואס האט געראטעוועט פון א אומגליק

דא האבן איך א ערציילונג וואס איז לעצטנ'ס אנגעקומען צו אונזערע אויערן, און ווערט דערציילט דורך איינער פון די צענדליגער טויזנטער 'בני אמונים', א טייערער איד וואס האט זוכה געווען צו זיין פון די געבן זיך אוועק פאר די מצוה פון ענטפערן אמן. און אזוי דערציילט ער:

נאר היינט צו טאג, נאך וואס איז שוין אריבער צענדליגער יארן פון די פאסירונג, דערנאך וואס בחסדי שמים האב איך זוכה געווען צו זיין פון די געבן זיך אוועק פאר די גרויסע מצוה פון ענטפערן אמן, פארשטיי איך די געוואלדיגע השגחה הפרטית וואס האט מיך צוגעברענגט ביז אהער.

א קליין קינד פון צוויי יאר בין איך געווען, אין יענע יארן, דער יונגסטער קינד צו מיינע טייערע עלטערן וואס האבן מיר ערצויגן מיט ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט, און א קליינער ברודער פאר מיינע גרויסע ברודער און שוועסטער.

מיינע עלטערן האבן געוואוינט אויף די פערטע שטאק אין א געביידע אין איינע פון די ירושלים'ער געגנטער. אין יענע צייטן איז נאכנישט אזוי שטארק באקאנט געווען ביים ברייטן ציבור די וויכטיגקייט פון מאכן גראטעס (סורגים) אויף די פענסטער פון די הויז, און דער פאקט איז געווען קריטיש פאר מיין לעבן, אבער לאמיר גיין לויטן סדר...

אין הויז פון מיינע עלטערן האט מען זייער שטארק אכטונג געגעבן אויף ענטפערן אמן. מיין מאמע זאל זיין געזונט האט מקבל געווען דער מנהג פון אירע עלטערן, פונעם פריערדיגן דור, וואס זיי האבן עס מקבל געווען פון נאך פריערדיגע דורות, און זי האט עס שטענדיג אריינגעגעבן אין אונז די קינדער. נאך זייענדיג גאר יונג זענען מיר צוגעוואוינט געווארן צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה וואס מיר האבן געהערט.

מיין מאמע האט אלץ הנאה געהאט צו דערציילן פאר אירע אייניקלעך און איר-אייניקלעך כ"ר, אז איינס פון די ערשטע ווערטער וואס זייערע עלטערן האבן זיי אויסגעלערנט צו זאגן קליינערהייט, איז געווען די ווארט 'אמן'. אויך איך בין אזוי ערצויגן געווארן, און איך בין זיך משתדל אריבערפירן ווייטער די מסורת פאר מיינע קינדער שיחיו.

ארום צוויי יאר בין איך דעמאלטס געווען, זייער א ווילדער... מיינע קליינע פוס האבן שנעל געקענט ארויף קריגן אויף די ווענט פון מיין בעטל, און צוריק אראפשפרינגען אויף די ערד פון די צימער, און פון דארטן דערגרייכן איבעראל...

דאס האט צוגעברענגט ערנסטע 'קאפ ווייטאג' פאר מיינע עלטערן. ווי עס קוקט אויס, מיינע עלטערע ברודער זענען געווען מער 'רואיג' אקעגן מיר, אזוי אז ביז יענע יארן האבן זיי נישט געזען פאר וויכטיג צו לייגן גראטעס אויף די פענסטער. אבער דערנאך וואס זיי האבן באקומען טעלעפאנען פון דערשראקענע שכנים, איינוואוינער אין די דערנעבנדיגע הייזער, וואס זענען דערשראקן געווארן מיך צו זען ארויסקריכן פון פענסטער און אראפקוקן אויף די גאס, פון די הייעך פון פיר שטאקן - צווישן הימל און ערד, אויסער די פעלער וואס זיי אליין האבן עס בייגעוואוינט, האבן זיי נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר צו רופן א בעל מלאכה וואס זאל מאכן גראטעס אויף אלע פענסטער פון שטוב.

אינצווישן, ביז עס איז גרייט געווען, האבן זיי מיר געמוזט שטארק אכטונג געבן, און פון דער צווייטער זייט זען די פענסטער זאלן זיין פארמאכט ווען איך בין אין הויז. יעדן אינדערפריה, נאך וואס איינער פון מיינע ברודער אדער איינע פון מיינע שוועסטער האט מיר געטראגן אין קינדער-גארטן, האט מען געעפנט די פענסטער, און די הויז האט זיך אויסגעלופטערט.

דער טאג וואס די ערציילונג האט פאסירט וועט מיין מאמע קיינמאל נישט פארגעסן, אויך היינט צו טאג, ווען עס זענען שוין אדורך צענדליגער יארן פון דעמאלטס, כאפט איר נאך אן א ציטער ווען זי דערמאנט זיך פון די געשעהעניש.

יענעם אינדערפריה, איז די באשטימטע רייע ווער עס דארף מיר טראגן אין קינדער-גארטן איז עפעס נישט קלאר געווען. מיין שוועסטער וואס האט מיך געדארפט טראגן האט געמיינט אז מיין אנדערע שוועסטער דארף מיך טראגן, צו דעם זענען אלע אין דעם טאג שפעט אויפגעשטאנען, און דורך דעם, אין די ברען און די איילעניש בין איך געבליבן שלאפן רואיג אויף מיין בעט.

דערנאך וואס אלע מיינע ברודער און שוועסטער זענען ארויס צום לערנען, נישט בעפאר זיי האבן געעפנט אזוי ווי זייער שטייגער די פענסטער אויף ברייט, מיין מאמע, וואס ווי פארשטענדליך האט גארנישט געוואוסט פון דעם אז איך בין געבליבן שלאפן אליין אין מיין צימער, האט זיך אויך געאיילט צוגרייטן איר טאש און ארויס גיין פון הויז.

אבער ווען זי איז שוין געשטאנען ביים טיר, האט איר מיטן אייבערשטנ'ס הילף פלוצלינג אנגעכאפט א דארשט. זי האט זיך צוריק געקערט, אנגעפילט א גלאז וואסער, און אנגעהויבן זאגן א ברכה מיט כוונה: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו".

קוים האט זי אנגעיאגט צו דערנענטערן די גלאז צו אירע ליפן, און אט הערט זי פון עק הויז א דינע שטימע ענטפערט נאך איר: 'אמן...!'.

עס זעט אויס אז פונקט אין יענע מינוט האב איך זיך אויפגעוועקט פון מיין שלאף, און ווען איך האב געהערט די ברכה פון מיין מאמע, האב איך באלד געענטפערט 'אמן', אזוי ווי זי האט מיך איינגעוואוינט פון אלץ פיצל קינד.

אין דער ערשטער מינוט האט איר אנגעכאפט א שרעק, זי האט איין מינוט נישט גע'חלום'ט אז איך בין אליין איבערגעבליבן אין הויז, אבער זייער שנעל האט זי אויפגעכאפט די שאקירנדע פאקט - איר מוישי, דער צוויי-יעריגער מוישי, איז כמעט אליינס געבליבן אין שטוב!

זי איז שנעל אריינגעלאפן צו מיין צימער און מיר ווארעם ארום גענומען, ווען טרערן פון פארגרינגערונג מאכן נאס אירע אויגן.

נאר טראכטן וואס עס וואלט געקענט פאסירן ווען נישט... האט איר אויפגעציטערט; א קליין ווילדער יונגל וואס האט ספעציעל ליב קריכן און ארויסקוקן פון פענסטער, און נישט ווייניג מאל האט מען אים געטראפן אזוי טון, וואלט איבערגעבליבן אין שטוב אויף לאנגע שעה'ן, ווען די פענסטער זענען ברייט אפן, דאס איז דאך א זיכערער רעצעפט פאר א אומגליק. רחמנא ליצלן.

עס איז זייער גרינג זיך פארשטעלן וואס וואלט ווען געקענט פאסירן ווען זי הערט נישט די 'אמן' פון מיין מויל. עס איז גרינג זיך פארשטעלן וואס וואלט געקענט געשען ווען זי ווארצלט נישט איין אין אונזער הויז די אפענע הלכה וואס דער רמ"א שרייבט (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא".

די מלאכים פון 'אמן' וואס האבן שטענדיג געשוועבט אין אונזער הויז, האבן מיך אפגעהיטן פון דער אומגליק, און אזוי בין איך איבערגעבליבן מיטן אייבערשטנ'ס הילף געזונט און שטארק, ווען די 'אמן' איז אויסגעקריצט אין מיין בלוט, מיט א דאפלטע באדייט, ביזן היינטיגן טאג.

'השגחה פרטית' ראה

עיצובים shay